**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר קעטי האקול מעלדט בעניפיטן פאר די מעטראו-נארט רעילראוד פון די MTA קאפיטאל פראגראם**

***בשעת וואס די סטעיט און MTA אינוועסטירט אין אינפערסטראקטשער, טוט פארלעסליכקייט און רייזערשאפט דערגרייכן נייע רעקארדס***

***געריסאן סטאנציע באקומט פארבעסערונגען צו פלאטפארמס, טרעפן, צוימען, טעקטייל שטרייפן, פארבייטערונגס דשאוינטס און פונדאמענטן***

***נייע לאקאמאטיוון, פארבעסערונגען אין סטאנציע צוטריטליכקייט, גרענד צענטראל ארטערי איבערפרישונג פארשטערקערט די מעגליכקייט פון די האדסאן ליניע אינפערסטראקטשער זיך צו ספראווען מיט קלימאט שווערינקייטן***

***די מעלדונג קומט בשעת וואס קאנדשעסטשען פרייזונג שטייט גרייט צו אונטערשטיצן די געלטער פאר די MTA קאפיטאל פראגראם***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די אויפטוויונגען דערגרייכט דורך די מעטראופאליטען טראנספארטאציע אטאריטעיט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) פאר מעטראו-נארט רעילראוד (Metro-North Railroad) רייזענדע אין 2024 און געגעבן א שנעלע בליק אויף די גאר גרויסע צוקונפטיגע פארבעסערונגען ערלויבט דורך די MTA קאפיטאל פלאן, אריינגערעכנט פארגרעסערענדיגע די צאל רייזענדע, צוטריטליכקייט פראיעקטן, פארמערונגען פון סערוויס, א פארבעסערטע איבערלעבעניש פאר רייזענדע, און איבעראל, א מער סאסטעינעבל, פארלעסליכע טראנזיט סיסטעים.

"מעטראו-נארט איז טייל פון די הארץ פון די האדסאן וואלי." **האט גאווערנאר קעטי Hochul (האוקאל) געזאגט.** "מיר וועלן ווייטער גיין צו אינוועסטירן סיי פאר יעצט אין סיי פאר איר צוקונפט דורך מאדערנעזירן אינפערסטראקטשער און שטיצן זיכערהייט. א מאדערנע רעילראוד וועט צושטעלן אן אויסגעצייכנטע קליענט איבערלעבעניש אויף יעדער רייזע, מיט מאדערנע באקוועמליכקייטן ביי סטאנציעס וועלכע זענען צוטריטלעך פאר יעדער, פארזיכערט, און באשיצט פון קלימאטן טויש."

**MTA טשעיר און CEO Janno Lieber (דשענאו ליבער) האט געזאגט,** "די MTA איז שטאלץ פון די געוואלדיגע שריט וואס מעטראו-נארט האט געמאכט אין 2024 - שטארק הייבענדיג די צאל רייזענדע און רעקארד צייטליכקייט וואס שטייגט איבער 98 פראצענט. און מיר זענען פונקט אזוי פרייליך איבער וואס קומט: צוטריטליכע סטאנציעס, א נייע פארק עוועניו וויאדאקט (Park Avenue Viaduct) און די פענן אקסעס פראיעקט. אלע די פראיעקטן עפענען אויף די סיסטעים פאר טויזענטע מער מענטשן, צושטעלנדיג צוטריט צו דשאבס, עדיוקעישען און אלעס וואס ניו יארק שטעלט צו."

**MTA Construction & Development פרעזידענט Jamie Torres-Springer (דשעימי טארעס-ספרינגער) האט געזאגט,** "די MTA בויעט בעסער, שנעלער און ביליגער איבער גאנץ מעטראו-נארט. פון איבערבויען די פארק עוועניו וויאדאקט ביז צו אויפפרישן אזעלכע סטאנציעס ווי געריסאן צו פארברייטערן סערוויס מיט צוטריט פון פענן סטאנציע, טוט די MTA צושטעלן דאס וואס איז ערווארטעט פאר א דורות-לאנגע אינוועסטירונג פאר מעטראו-נארט רייזענדע."

**מעטראו-נארט רעילראוד פרעזידענט Catherine Rinaldi (קעטערין רינאלדי) האט געזאגט,** "גאר גרויסע קאפיטאל איוועסטירונגען איבער די מעטראו-נארט וועט געבן פאר אונזערע קליענטן די פארזיכערטע, גרינע און פארלעסליכע רעילראוד וואס קומט זיך זיי. נייע לאקאמאטיוון וועלן פארמינערן לופט פארפעסטיגונגען, און די ערזעצונג פון די פארק עוועניו וויאדאקט, גרענד צענטראל באן שעד, גרויסע אינוועסטירונגען אין די הארלעם ליניע סטאנציע און אין די שטארקייט פון די האדסאן ליניע וועט פארזיכערן אז די מעטראו-נארט נעטווארק וועט ווייטער גיין צו טרייבן די ראיאנישע עקאנאמיע פאר קומענדיגע יארן."

**וועסטשעסטער פוטנעם בויען און קאנסטרוקציע טרעידס קאונסיל פרעזידענט Jeff Loughlin (דשעף לאולין) האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנאר o'Hochul (האוקאל) אינוועסטירונג און די געריסאן און מעטראו-נארט רעילראוד. די פראיעקט איז גאר א קלוגע איבערפרישונגס ארבעט, צושטעלנדיג באדייטענדע עקאנאמישע בעניפיטן פאר לאקאלע קאמיוניטיס וועלכע די סטאנציע באדינט, בשעת'ן לייגן א הויפט געוויכט אויף יוניאן טרעידס און עפרענטיסשיפ פראגראמען דורכאויס די געגנט. מיר קוקן ארויס ווייטער מיטצוארבעטן מיט די גאווערנאר אויף אנדערע אינפערסטראקטשער פראיעקטן דורכאויס וועסטשעסטער און פוטנעם קאונטיס."

מען האלט יעצט אינמיטן א גרויסע קאפיטאל ארבעט צו פארשטערקערן און פארבעסערן די מעטראו-נארט נעטווארק. MTA Construction & Development טוט ערזעצן און איבערפרישן גרויסע חלקים פון די 130 יעריגע [פארק עוועניו וויאדאקט](), וועלכע טראגט 98 פראצענט פון אלע מעטראו-נארט באנען וועלכע רייזן אויף די האדסאן, הארלעם און ניו העיווען ליניעס וועלכע באדינען די הארלעם-125'סטע סטריט סטאנציע און גרענד צענטראל טערמינאל. די ערשטע חלק פון די וויאדאקט איז ערזעצט געווארן אין יוני ניצנדיג נייע מהלכים פון בויען וועלכע וועלן העלפן ענדיגן די פראיעקט בייצייטנס מיט ווי ווייניגער שטערונגען פאר די מעטראו-נארט סערוויס.

די ארבעט האט זיך אנגעהויבן צו ערזעצן די געשעדיגטע חלקים פון די דאך פון מעטראו-נארט'ס געשעדיגטע טרעין שעד אונטער Park Avenue ביי 48 און 47 סטריטס אין מענהעטען. די 2025-29 קאפיטאל פלאן טוט לייגן א שטארקע געוויכט אויף אינוועסטירונגען פאר די ווייטערדיגע ערזעצונג פון די באן שעד דאך און פארשטערקערונג פון די גרענד צענטראל טערמינאל פאר די צוקונפט.

ארבעט אויף מעטראו-נארט סטאנציעס זענען אנגעגאנגען אין פולן קראפט אין 2024, מיט ארבעט ביי געריסאן וואס האט אריינגערעכנט: ערזעצונג פון 3' ברייטע חרלקים פון אלע פלעטפארמס, נייע צוימען, טעקטייל שטרייפן, פארברייטערונגס דשאונטס און פארשידענע אנדערע צעמענט פארעכטונגען מיט נייע טרעפן. א צוקונפטיגע פראיעקט וועט אריינשטעלן oPOD (פאליציי אבזערווירענדע דעוויסעס) וועלכע רעכנט אריין זיכערהייט קעמערעס.

דריי סטאנציעס זענען געמאכט געווארן גענצליך ADA צוטריטלעך אין 2024: [הארטסדעיל]() אויף יניואר 5, [סקארסדעיל]() אויף יניואר 11 און [פורדי'ס]() אויף פעברואר 22, ברענגנדיג די סך הכל צוטריטליכע מעטראו-נארט סטאנציעס צו 124: 112 מזרח פון די האדסאן טייך און 12 מערב פון די האדסאן.

די MTA טוט אויך מאכן געצילטע איוועסטירונגען צו פארבעסערן די מעגליכקייטן פון די מעטראו-נארט נעטווארק זיך צו ספראווען מיט שווערינקייטן. מער ווי האלב פון די 74 מייל לאנגע האדסאן ליניע איז אויסגעשטעלט צו א ריזיקע פון הייבנדיגע וואסער שטאפלען, און גריסאן באן סטאנציע זיצט בלויז געציילטע פיס אוועק פון די האדסאן טייך. די פארגעלייגטע MTA 2025-29 קאפיטאל פלאן לייגט געוויכט אויף אדרעסירן ערטער וואס ווערן צוגאנגען פון די וואסער, סטאביליזירן פלעצער וואס זענען שיף אויף ארויף, און פארבעסערן די וואדער אפלויף אין די חלק פון די ליניע וואס איז די מערסטע אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען און האט די גרעסטע צאל רייזענדע, באשוצנדיג מער ווי 20 מייל פון די האדסאן ליניע.

אינוועסטירונגען אין לאקאמאטיוון און וואגאנען וועט אויך אונטערשטיצן די פארלעסליכקייט פון די מעטראו-נארט'ס סערוויס. מעטראו-נארט האט לעצטנס באקומען די ערשטע צוויי פון 33 נייע הערכסט-מאדערנע 4,200 האורספאוווער (HP) לאקאמאטיוון וועלכע וועלן ערזעצן די יעצטיגע פלאטע פון לאקאמאטיוון גענוצט פאר באנען וועלכע באדינען פאוקיפסי, סאוטאיסט, דענבארי און וואטערבארי. פאבריצירט דורך סיעמענס מאביליטי און באקאנט מיט די מאדעל נומער SC42-DM, וועלן די נייע לאקאמאטיוון צושטעלן א מער פארלעסליכע סערוויס פאר קליענטן און זיין פריינטליכער פארן ענווייראנמענט. די נייע לאקאמאטיוון זענען ערווארטערט צו ארבעטן דורך עלעקטריק אויף די גאנצע 102 מייל פון מעטראו-נארט'ס דריטע רעיל טערעטאריע, וועלכע ציעט זיך צו קראוטאן-הארמאן, סאוטאיסט און פעלהעם. די נייע לאקאמאטיוון ווערן געצייכנט אלס טיער 4 קאמפלייענט, שניידענדיג לופט-געטראגענע פארפעסטונגען מיט מער ווי 85 פראצענט.

די נייע 400,000 סקווער-פיסיגע פאסיליטי, באקאנט אלס די הארמאן שאפ, האט זיך געעפנט אין מאי. די עפענונג פון די גאר וויכטיגע איופהאלטונגס און אפאראציעס צענטער פאר די עלעקטריק פלאטע וואס באדינט מעטראו-נארט'ס הארלעם און האדסאן ליניעס, צייכנט אן די פארענדיגונג פון א פינעף-שטאפלדיגע קאפיטאל פראיעקט וואס האט זיך אנגעהויבן אין 2001 צו ערזעצן די אלטע פאסילטיס אין די קראוטאן-הארמאן יארד אין קראוטאן-אן-האדסאן, NY.

די אלע קאפיטאל אינוועסטירונגען קומען פאר אין די זעלבע צייט וואס מעטראו-נארט שטעלט צו אויסגעצייכנטע סערוויס און געניסט פון א גרויסע צאל רייזענדע. מעטראו-נארט סערוויס איז שטארק מיט איר צייטליכקייט (On Time Performance, OTP) וואס האלט ביי 99 פראצענט, און די דורכשניטליכע מרחק צווישן דורכפעלער (Mean Distance Between Failures, MDBF) לויפט כסדר העכער פון איר 2024 ציל פון 200,000 מייל. מעטראו-נארט טוט ווייטער ברעכן פאר-COVID רייזערשאפט רעקארדס, טראגענדיג 6.5 מיליאן רייזענדע אין אקטאובער, א 13 פראצענטיגע העכערונג פון סעפטעמבער און א 16.2 פראצענט העכערונג פון אקטובער 2023. מעטראו-נארט'ס דורכשניטליכע מיטן-וואכעדיג רייזערשאפט פון 230,449 איז א רעקארד פאר נאך-COVID, האלטנדיג ביי 79.2 פראצענט פון פאר-COVID שטאפלען אין אקטובער 2019, אפשפיגלנדיג די שטארקע צוריק-צו-די-ארבעט רייזערשאפט; דורכשניטליכע מיטן-וואכעדיג רייזערשאפט פון 131,666 איז 2.2 פראצענט העכער ווי פאר-COVID שטאפלען אין אקטאובער 2019.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן